# מיכאל פֿעלזענבאַום

# שבתדיקע שוועבעלעך

## Shabesdike shvebelekh

Dit fragment wordt met toestemming van de auteur op onze site gezet.

In Grine Medine 59/60 staat een vertaling van het fragment in het Nederlands van Justus van de Kamp onder de titel *Een zondvloed*.
Het boek kan worden besteld bij H. Leyvik Farlag in Tel Aviv (uitgegeven in 2004).

www.grinemedine.nl

*"איר זאָגט – שוואַרץ, איז זאָל זײַן שוואַרץ. אָבער איך האָב עס געזען אַנדערש. איך בעט אײַך, ר' אָרעמאַן, באַרויִקט זיך, זעצט זיך אַנידער אויף אַ בענקל, טרינקט אויס אַ גלעזל ווײַן און פֿאַרגעסט אַז איר זענט אַ ייִד. גלייבט מיר אויפֿן וואָרט, – איר האָט ניט קיין אַנדער ברירה. אויב איר ווילט אויך ווײַטער זײַן אַ ייִד, – פֿאַרגעסט אין דעם. צו זײַן אַ ייִד איז ווערט מיליאָנען".*

וועלוול ווײַס
**ייִדישע ווערטן, א' – "אַ זיסע טראַגעדיע"**

# א

דער רעגן האָט אָנגעהויבן גיסן פֿרײַטיק צו נאַכטס. דער האַסטיקער ווינט פֿון די בערג האָט אָנגעטראָגן שוואַרצע וואָלקנס אין טאָל אַרײַן און די גרויסע רויטע שול איז געשטאַנען באַדעקט מיט אַ פֿײַכטער באָרד פֿונעם נעפּל און לאַנגע רעגן־פֿעדעם.

אַ שעה פֿאַר מינחה זײַנען געקומען צום דאַוונען עלף צדיקים און יעדער איינער פֿון זיי איז ווערט געווען עלף טויזנט מתפּללים.

ר' פֿײַוול טליתוועבער, וואָס האָט זיך פֿאַרזאַמט אין דער מיקווה, איז אַרויס פֿון דער שטוב גלײַך מיט די ערשטע טראָפּנס רעגן און האָט זיך אומגעקערט אַהיים פֿון מיטן דעם וועג, ווײַל דער ווילדער ווינט האָט צעבראָכן זײַן שירעם. אין איין מינוט איז ר' פֿײַוול געוואָרן פּיטש נאַס, ער האָט זיך

פֿאַרקילט און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים און, ווי מע זאָגט, – נצחו אראלים את המצוקים, דער צדיק איז נפֿטר געוואָרן פֿון פֿאַרדראָס בײַ דער שוועל פֿון זײַן שלאָפֿצימער.

באָך מינחה איז קלאָר געוואָרן, אַז די מתפּללים וועלן מוזן בלײַבן נעכטיקן אין דער גרויסער רויטער שול, ווײַל אַ גוטער ייִד גייט ניט שבת מיט אַ שירעם.

צוליב דעם ווירבלווינט און שווערן נעפּל האָט דער מלאך מיכאל בקושי געפֿונען די גרויסע רויטע שול און אַצינד איז ער געזעסן אַ שטילער און אַן אומאָנזעעוודיקער, ווי אַ נעפּל־היטעלע לעבן דער קאַכלענער הרובע און האָט אויסגעקוקט אויף שבת.

די עלף צדיקים האָבן זיך געגרייט צו קבלת־שבת ווען עס איז אָנגעקומען דער צוועלפֿטער צדיק, דער ג״צ יצחק בן־אבֿרהם, אַ פּאַסטעך און אַ בקי אין די קליינע אותיותלעך. און דעמאָלט האָט דער מלאך מיכאל פֿאַרריגלט די אַרײַנגאַנג־טיר און האָט אויף דער ערד אָנגעצייכנט אַ טיפֿן שיצגרוב אַרום און אַרום דער גרויסער רויטער שול.

דער שבת־גוי, הער פֿערענץ איז געבליבן זיצן אינעם פּאָליש פֿון דער קליינער שול. ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין זײַן שטיבל אין הויף, וווּ ער האָט פֿאַרבאַ־האַלטן אַ פֿלאַש שבתדיקן שליוואָוויץ. אַ ווילע נשמה און אַ ביטערער שיכורניק, האָט הער פֿערענץ מורא געהאַט פֿאַר דעם גרוב, וואָס ער האָט מיט זײַנע מוטנע אויגן דערזען אינעם פֿענצטער. ער האָט זיך געשעמט צו דערציילן וועגן דעם די צדיקים, ווײַל אים איז געווען שווער צו גלייבן, אַז אויך ייִדן קענען מורא האָבן פֿאַר די גריבער.

דער מלאך מיכאל, וואָס איז אַרויס אין דרויסן דורך דער וואַנט, האָט אַ פֿאָכע געטאָן מיט זײַנע זײַדענע פֿליגל און איז אַרויף אין הימל, – די גרויסע רויטע שול האָט געהערשט איבער דער וועלט. פֿון אויבן אָן האָט דער מלאך מיכאל געזען ווי די צדיקים זעצן זיך צום טיש פּראַוון דעם עונג־שבת, ער האָט געהערט ווי זיי זינגען זמירות און לויבן דעם אייבערשטן.

די שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן, נאָר אין דער גרויסער רויטער שול, אַ באַדעקטע מיטן נעפּל און רעגן, האָבן געברענט שבתדיקע ליכט, דאָרט איז געווען וואַרעם און יום־טובֿדיק פֿריילעך.

דער מלאך מיכאל האָט אַראָפּגענידערט אויפֿן דאַך פֿון דער גרויסער רויטער שול און זיך צוגעזעצט צום וואַרעמען קוימען. דורך דעם בוידעם־פֿענצטערל האָט ער דערזען, אַז די צדיקים זײַנען זיצנדיקערהייט אַנטשלאָפֿן געוואָרן בײַם לאַנגן, מיט אַ ווײַסן טישטעך באַדעקטן טיש.

פֿון גרויסער שׂימחה איז דער מלאך מיכאל אַרויף נאָך העכער אין הימל, האָט געשוועבט און געטאַנצט אין די פֿרישע רעגן־שטראָמען, – אַ שפּאַן אויף רעכטס – אַ גוט־שבת אײַך, ייִדן. אַ שפּאַן אויף לינקס – ייִדן, זײַט שטאַרק אין אײַער גלויבן און האָט מורא פֿאַר גאָטס שטראָף. אַ שפּאַן פֿאָרויס – זאָל די תּורה באַלײַכטן אײַער וועג אין לעבן. אַ שפּאַן אויף צוריק – ייִדן, זײַט געזונט און שטאַרק. אַ פֿלי אַרויף – געלויבט איז דער אייבערשטער, וואָס זאָרגט וועגן זײַנע קינדערלעך.

עס האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן. פֿון די בערג אין טאָל אַרײַן האָבן אָנגעהויבן רינען ברויזנדיקע ריטשקעס

װאַסער. אַ שטורעמדיקער פּאָטעק האָט אַװעקגעטראָגן דעם ריזיקן שטײן, װאָס האָט פֿאַרשטעלט דעם אַרײַנגאַנג אין דער הײל, װוּ ס׳איז שױן אַ גוטע פּאָר טױזנט יאָר רױִק געשלאָפֿן דער שור־הבר. דאָס קאַלטע װאַסער איז אַרײַנגערונען אין דער הײל. דער שור־הבר האָט זיך אױפֿגעכאַפּט און געגעבן אַ זיסן זיפֿץ. פֿון שור־הברס זיפֿץ האָט די ערד אַ ציטער געטאָן. אַ פֿאַרשלאָפֿענער, איז דער שור־הבר בײז געװאָרן און האָט אַ פּרוּװ געטאָן אױפֿצושטײן אױף די פֿיס. מיט זײַן שטאַרקער פּלײצע האָט דער שור־הבר אױפֿגעריסן דעם שפּיץ באַרג און אַ פֿאַרטשאַדעטער פֿונעם שלאָף און פֿונעם קראַך פֿון דער שטײנער־לאַװינע איז ער געשטאַנען װי אַן אוראַלטער דענקמאָל דעם בלינדן מעכטיקן כּוח און האָט געהערשט איבער די זיבן בערג. די שטײנער־לאַװינע האָט פֿאַרשטאָפּט זעקס פֿון די זיבן באַרגשפּאַלטן. דער זיבנבערג־טאָל און די גרױסע רױטע שול אין מיטן, זײַנען אָפּגעשניטן געװאָרן פֿון דער װעלט.

נהרא נהרא ופּשטיה, די װאַסערן האָבן געהאַלטן אין אײן צוקומען. און װען ניט דער זיבעטער, דער סאַמע טיפֿסטער שפּאַלט צװישן דעם גרינעם און רונדן באַרג, װאָלט דער זיבנבערג־טאָל שױן פֿון לאַנג געװאָרן אַ דנאָ פֿון אַ נײַעם ים און די גרױסע רױטע שול װאָלט געװאָרן, ניט דאָ געדאַכט, אַ ברודער־קבֿר. אָבער גאָט איז אַ פֿאָטער. מיט אײן האַנט נעמט ער, און פֿון בײדע גיט ער. דער זיבעטער שפּאַלט איז געװוען אַזױ טיף און ברײט, אַז ער האָט אין זיך אַרײַנגענומען די העלפֿט פֿון די זעקס באַרגטײַכן.

אַ שטורעמדיקער און אַ ברײטער איז דער נײַער טײַך געפֿלאָסן קײן דרום און אין גיכן דערגרײכט דעם שמאָלן,

האַלב איבערגעטריקנטן טײַך ירדן, װוּ בײַ דער לעפֿצונג, טיף אינעם שלײַם, איז געשלאָפֿן דער לויתן. פֿון דעם קאַלטן און ברױזנדיקן װאַסער איז ער אױפֿגערעגט געװאָרן, האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די פֿלוספֿעדערן און דער װאַסערשטאַנד אינעם ים־כּנרת איז העכער געװאָרן אױף צװײ מעטער. דער לויתן האָט אַ זיפֿץ געטאָן און האָט אײַנגעשלונגען אין זיך אַ האַלבן טײַך ירדן. דער װאַסערשטאַנד אינעם טײַך איז אַראָפּ און דער לויתן האָט דערזען פֿון דער װײַטנס די אָפּשפּיגלונג פֿון זײַן לײַבלעכן שׂונא – דעם שור־הבר.

# ב

צו חצות איז דער רעגן געװאָרן שטאַרקער. די װאַסערן פֿון די בערגטײַכן האָבן פֿאַרפֿלײצט דעם זיבנבערג־טאָל. די געצײלטע אײַנװױנערס פֿון די בערגדערפֿער זײַנען שױן פֿון לאַנג אַנטלאָפֿן צו זײערע שכנים פֿון יענער זײַט בערג. די ברױזנדיקע פּאָטעקעס האָבן אָפּגעװאַשט די צע־װאָרפֿענע איבער בערג הײַזער, גלײַך װי זײ װאָלטן דאָרט קײן מאָל ניט געװען. און װער ס'האָט ניט באַװיזן צו אַנטלױפֿן פֿון דער סטיכיע איז איבערגעטראָגן געװאָרן אין אַ שאול תּחתּיה צוזאַמען מיט די מוטנע װאַסערן און צעגליטע שטײנער. נאָר עטלעכע איבערגעשראָקענע ציגן האָבן באַװיזן צו באַהאַלטן זיך אין דער פֿרײלעכער הײל אונטער דעם פֿינגערפֿעלדז.

דער פּאַסטעך בענעדיקט, אַ פֿרײלעכער ממזר, האָט זיך אױפֿגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט. אין דער פֿרײלעכער

הייל איז געווען וואַרעם און טרוקן. די איבערגעשראָקענע ציגן האָבן זיך געטוליעט צו זײַנע פֿיס. בענעדיקט האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זײַט און געטאָן אַ פּרוּוו אַרומצונעמען זײַן נײַע געליבטע, די יונגע פֿויערטע קאַטאַרינע. זײַן האַנט האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ציג און זי האָט אָנגעהויבן צו מעקען. בענעדיקט האָט אַוועקגעשטופּט די ציג אין אַ זײַט, האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן און דערזען, אַז זײַן געליבטע איז ניטאָ.

– קאַטאַרינע, – האָט אויסגעשריִען בענעדיקט אין כּעס, – קאַטאַרינע, אַ קרענק דײַן מאַמען אין די זײַטן. ווּ ביסטו?

– איסטו־איסטו־סטו־טו־ו...

– קאַטאַרינע, שפּיל זיך ניט מיט מיר. נו...

– הו־הו־הו...

– קאַטאַרינע, גלייב מיר אויפֿן וואָרט, באַלד וועל איך דיך פּאַקן און אַזוי אויסבאַרען, אַז ס׳וועט בײַ דיר רינען פֿון די אויערן.

אין קול ואין עונה, קיינער האָט אים ניט געענטפֿערט. בענעדיקט איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זײַן געלעגער און האָט אָנגעצונדן אַ ליכט. אַחוץ אים און צוויי איבערגעשראָקענע ציגן, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעקוועטשט אין דער וואַנט, איז אין דער פֿײַלעכער הייל קיינער ניט געווען. בענעדיקט האָט זיך דערשראָקן. אַרײַנצוגיין אָדער אַרויסגיין פֿון דער פֿײַלעכער הייל אָן בענעדיקטס הילף איז ניט געווען בכּוח קיין איין מענטש. נאָר בענעדיקט האָט געקענט די געהיימע סטעזשקע, וואָס פֿירט פֿונעם פֿינגערפֿעלדז צו דער הייל. זײַנע נקבֿות פֿלעגט בענעדיקט אַרײַנפֿירן אין דער הייל נאָר

אין דער פֿינצטער. אויך קאַטאַרינע, זײַן נײַע געליבטע, האָט געוואַרט אויף אים נעכטן, שפּעט אין אָוונט, ניט ווײַט פֿונעם פֿינגערפֿעלדז. ווען קאַטאַרינע איז געקומען צו גיין האָט אָנגעהויבן צו מראַקען, און אַ שווערער נעפּל איז געקראָכן פֿון די בערג אין טאָל אַרײַן. ס'איז געוואָרן גאַנץ פֿינצטער, פֿון דעסטוועגן האָט בענעדיקט פֿאַרבונדן קאַטאַרינען די אויגן מיט אַ שמוציק טיכעלע און זי אַרײַנגעפֿירט אין זײַן "פּאַלאַץ" – אין דער פֿרײַלעכער הייל. בענעדיקט האָט אַראָפּגענומען דאָס טיכעלע פֿון קאַטאַרינעס אויגן. די הייל איז געווען קליין ווי אַ קאַסטן און חושכדיק ווי די וויסטע פֿעלדזן וואָס קאַטאַרינע האָט געזען טאָג־טעגלעך פֿון איר ערשטער מינוט אויף דער וועלט. לעבן איין וואַנט, איז אויף דער ערד געלעגן אַ צעשפּרייטער שאָפֿנפּעלץ, אַנטקעגן דער אַרײַנגאַנג־לאָך איז געשטאַנען אַ גרויסער שטיין און אויף אים – אַ פֿלאַש שליוואָוויץ, צוויי גלעזלעך, אַ לאַבן ברויט, אַ ציבעלע און אַ ליכטל אויף אַ צעבראָכן טעלערל. אַלץ איז געווען ניט אַזוי ווי אין קאַטאַרינעס הייסע חלומות. זי האָט געוואַרט צו דערזען אַ פּאַלאַץ פֿון קרישטאָל און גאָלד, מיט אַ סך ליכט, מיט הויכע סטעליעס און מאַרמער־סקולפּטורן אַרום די ווענט. אַ נאַיִוו מיידל, בערך פֿופֿצן יאָר אַלט, האָט זי איין מאָל אונטערגעהערט ווי די פֿרויען שושקען זיך צווישן זיך וועגן דעם פּאַסטעך בענעדיקט, וועגן זײַנע חמור־אייזלישע פֿעִיקייטן און וועגן דער פֿרײַלעכער הייל, וווּ יעדער איינע פֿון זיי האָט דערפֿילט וואָס דאָס הייסט זײַן אַ פֿרוי. אַן איידעלע און צאַרטע נשמה, האָט קאַטאַרינע געמאָלט אין איר דמיון די שיינע בילדער און געוואַרט אויף יענעם טאָג, ווען דער פּאַסטעך בענעדיקט

ווען זי אַרײַנטראָגן אויף די הענט אין דער בילדשײנער הייל און זי, ווי אַן אמתע בת־מלכּה, וועט אים אַ זאָג טאָן מיט אַ ציטער אין קול: "מײַן טײַערער, איך בין דײַנע". גיי ווייס אַז אַ חלום בלײַבט אַ חלום, ווי שיין ער זאָל ניט זײַן.

קאַטאַרינע איז געבליבן שטיין אין מיטן דער הייל און האָט מורא געהאַט צו שרײַען. בענעדיקט האָט זי גענומען בײַ דער האַנט און מיט כּוח אַוועקגעזעצט אויף דעם שאָפֿנפּעלץ. קאַטאַרינע האָט אָנגעהויבן שלוקערצן.

– האָב ניט מורא, נאַרעלע, קיין איין פֿרוי איז נאָך ניט אַוועק פֿון מיר מיט אַ שטיין אויפֿן האַרץ. פֿאַרלאָז זיך אויף מיר, – בענעדיקט האָט אָנגעגאָסן שליוואָוויץ אין די גלעזלעך און האָט איינעם פֿון זיי אַרײַנגעגעבן אין קאַטאַרי־נעס ציטערדיקער האַנט.

– טרינק, נאַרעלע, עס וועט דיר ווערן וואַרעם. וואָס ציטערסטו ווי אַ נאַסער צוציק? נו, איז לאָמיר זײַן געזונט, – בענעדיקט האָט אויסגעטרונקען דעם שליוואָוויץ מיט איין שלונג.

קאַטאַרינע האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, זיך געצלמט און האָט אויסגעטרונקען דעם שטינקנדיקן סאַמאַהאָן.

– נעם, פֿאַרבײַס, – בענעדיקט האָט אָפּגעריסן אַ שטיקל ברויט פֿונעם לעבל און מיט אַ ציבעלע פֿון אויבן האָט ער אַרײַנגעשטופּט קאַטאַרינען אין איר אָפֿענעם מויל, – עס, איך האָב ניט ליב צו פּאָרען זיך מיט שיכּורע פֿרויען. פֿאַרבײַס און לאָמיר אויסטרינקען נאָך אַ גלעזל. גלייב מיר, אַז דו ביסט אַרײַנגעפֿאַלן אין גוטע הענט.

פֿונעם צווייטן גלעזל איז קאַטאַרינע געוואָרן פֿריילעך. עס שטייט דאָך געשריבן, – נכנס יין, יצא סוד, –

קאַטאַרינע האָט אָנגעהויבן לאַכן און רעדן נאַרישקייטן. בענעדיקט איז אויפֿגעשטאַנען פֿונעם שטיין און האָט אַראָפּגעלאָזט די הויזן. קאַטאַרינען איז געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן.

בענעדיקט האָט געווילדעוועט אויף קאַטאַרינען אַ האַלבע נאַכט אָן אַן איבעררײַס. ער האָט זי געביסן און געקנאָטן אירע בריסט ווי טייג. קאַטאַרינע האָט געפּרוּווט אַוועקצוקריכן פֿון אונטער דעם צעגליטן האַמער, נאָר בענעדיקט האָט זי געהאַלטן פֿעסט מיט ביידע הענט. קאַטאַרינע איז שיִער ניט אַראָפּ פֿון זינען און האָט פֿאַרלוירן דאָס באַוווּסטזײַן.

ווען קאַטאַרינע איז געקומען צו זיך האָט די ליכט געהאַלטן בײַם צאַנקען. בענעדיקט איז געשלאָפֿן און האָט געכראָפּעט ווי אַ פֿאַרוווּנדיקטע חיה. צוויי ציגן זײַנען געשטאַנען בײַ דער וואַנט און האָבן זיך געטוליעט איינע צו דער צווייטער. קאַטאַרינע איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער ערד און איז צוגעגאַנגען צו דער אַרײַנגאַנג־לאָך פֿון דער הייל. אין דרויסן האָט געבליצט און געדונערט. עס האָט געליאַפּעט אַ שלאַקסרעגן און קאַטאַרינע האָט קוים דערזען אַ שוואַך ליכטל הער ווײַט אינעם טאָל. עטלעכע רגעס איז זי געשטאַנען בײַ דעם אַרײַנגאַנג, דערנאָך האָט זי זיך אומגעקערט צום שטיינערנעם טיש, האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל שליוואָוויץ, אויסגעטרונקען און איז אַרויסגעקראָכן פֿון דער הייל.

ווען בענעדיקט האָט זיך אויפֿגעכאַפּט איז קאַטאַרינע געווען ווײַט פֿון דער פֿרײילעכער הייל. אַן אויסגעוואַקסענע אין די בערג האָט זי געפֿונען די געהיימע סטעזשקע און זיך

געדראַפּעט איבער דעם פֿינגערפֿעלדז אַהיים, אין טאָל. בענעדיקט האָט ניט געקענט גלייבן, אַז אַ פֿרוי קען אים פֿאַרלאָזן און דערצו נאָך, אַז אַ פֿרוי זאָל קענען אַליין געפֿינען זײַן געהיימע סטעזשקע. בענעדיקט איז צוגעגאַנגען צו דער אַרײַנגאַנג־לאָך, האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דרויסן און שיִער ניט געשטאָרבן אויפֿן אָרט. גלײַך פֿאַר זײַנע אויגן, אויפֿן פֿאַרכבאַרג איז געשטאַנען אַ ריזיקער שוואַרצער אָקס און האָט פֿאַרשטעלט מיט זיך אַ האַלבן הימל. זײַנע אויגן האָבן געוואָרפֿן בליצן, פֿון אונטער די קאָפּיטעס זײַנען געפֿלויגן פֿונקען און אויף זײַן שטאָלענער פּלייצע איז געלעגן דער נהר די נור, דער פֿײַער־פֿלאַמענדיקער טײַך, – דער שור־הבר האָט זיך געגרייט צו דער שלאַכט.

## ג

דער מלאך מיכאל האָט אָפּגעטאַנצט, אָפּגעדאַוונט און אַ פֿריילעכער האָט ער אַראָפּגענידערט אויפֿן דאַך פֿון דער גרויסער רויטער שול. בײַם קוימען איז געווען טרוקן און היימיש וואַרעם. אַ גרויסער בלעכענער איבערדאַך האָט ניט געלאָזט דעם רעגן אַרײַנרינען אינעם קוימען. דער מלאך מיכאל איז געזעסן בײַם בוידעם־פֿענצטערל און הנאה געהאַט צו זען ווי די צדיקים שלאָפֿן בײַם טיש, – רויִק און שטיל, ווי קליינע קינדער. בײַם ווײַטן עק טיש איז געזעסן די רביצין פֿאַני און יצחק בן־אבֿרהמס ווײַב שׂרה מיט אירע פֿינף טעכטער. זיי האָבן געשמועסט שטילערהייט, אָבער דער מלאך מיכאל האָט ניט געהאַט קיין חשק צו די

ווײַבערישע שׂיחות־חולין. בור־בור־בור – קינדער, בור־בור־בור – כּשרות, בור־בור־בור – מיקווה... דער מלאך מיכאל האָט געכאַפּט אַ דרימל און ניט באַמערקט ווי די מלאָכים רוחיאל און חשמליאל האָבן אַראָפּגענידערט אויפֿן דאַך פֿון דער גרויסער רויטער שול. דער מלאך חשמליאל האָט דערזען מיכאלן שלאָפֿן און זיך צוגערירט צו זײַן פֿליגל. דער מלאך מיכאל איז אונטערגעשפּרונגען פֿון אומדערוואַרטקייט.

– וואָס טוסטו? ביסט אַראָפּ פֿון זינען? ווער שפּילט זיך מיט אַזעלכע זאַכן? – האָט זיך באַליידיקט דער מלאך מיכאל.

– זײַ ניט ברוגז, ס'איז געווען נאָר אַ שפּאַס, – האָט געענטפֿערט דער מלאך חשמליאל און איז צוגעגאַנגען נעענטער צו מיכאלן.

– זײַ זיכער, אַז איך וועל דערציילן דעם אייבערשטן וועגן דײַנע אידיאָטישע שפּאַסן, – מיכאל איז אָפּגעטראָטן פֿון חשמליאלן אויף עטלעכע שפּאַן.

– און איך וועל דערציילן דעם אייבערשטן, אַז דו ביסט אַנטשלאָפֿן געוואָרן אין מיטן דער אַרבעט. אויך מיר אַ חכם, – דער מלאך חשמליאל האָט אַ שפּײַ געטאָן אין מלאך מיכאלס זײַט און איז צוגעגאַנגען צום מלאך רוחיאל, – נו, חבֿרל, צו דער אַרבעט?

– צו דער אַרבעט, – האָט געענטפֿערט דער מלאך רוחיאל.

דער מלאך מיכאל האָט זיך אָנגעברוגזט און אַוועקגעפֿלויגן אין גן־עדן צו היילן דעם פֿאַרוווּנדיקטן פֿליגל.

די מלאָכים חשמליאל און רוחיאל האָבן זיך גענומען

צו דער אַרבעט. דער מלאך רוחיאל האָט געטאָן אַ שטאַרקן בלאָז און האָט אויסגעבויערט אַ ריזיקע לאָך אויפֿן הויפּט־פּלאַץ פֿון דער שטאָט, – הונדערט מעטער אין דער ברייט און הונדערט מעטער אין דער טיף. דאָס וואַסער וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט די שטאָט מיקדאָרף איז אַוועק אין דער לאָך. נאָך דעם האָט דער מלאך חשמליאל אויסגעטריקנט די ערד און האָט אָפּגעטיילט דעם שטאָט־תּחום פֿון דעם זיבנבערג־טאָל.

אַרום חצות איז די שטאָט מיקדאָרף אַרויף אין דער לופֿטן מיט אַלע אירע הײַזער, ביימער און תּושבֿים. אַ מעכטיק לופֿטקישעלע האָט אונטערגעכאַפּט די שטאָט פֿון אונטן און זי איבערגעטראָגן העט ווײַט פֿונעם זיבנבערג־טאָל, קיין אַרמעניע, צום באַרג אררט. נאָר די גרויסע רויטע שול איז געבליבן שטיין אויפֿן בערגעלע אין מיטן דעם טאָל, ווי אַ פֿליאַסק אין פּנים דעם ניט־גוטן און דער בלינדער סטיכיע.

דער ערשטער איז אויפֿגעשטאַנען צו לערנען תּורה דער ג״צ יצחק בן־אבֿרהם. אַ פּאַסטעך און אַ בן־פּאַסטעך, האָט ער פֿאַרמאָגט אין זיך אַ טבֿע־זייגער, וואָס האָט אים נאָך קיין מאָל ניט אונטערגעפֿירט. יצחק בן־אבֿרהם האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פּונקט פֿופֿצן מינוט פֿאַר חצות און איז אַראָפּ אין קאָרידאָר צו וואַשן די הענט. אינעם קאָרידאָר האָט ער געטראָפֿן אַ האַלב־טויטן שבת־גוי, דעם הער פֿערענץ, וואָס איז געזעסן בײַם פֿענצטער און האָט געקלאָצט מיט די ציין.

– אַ גוט־שבת אײַך, הער פֿערענץ, האָט געזאָגט ר׳ איציק.

– אַ־אַ־אַ... – האָט געענטפֿערט הער פֿערענץ.